# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון הרב **רבי אביגדור מיללער** זצ"ל

דורך: **פינחס בן-עמי**, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת בא

## האב פארגעניגן פון די קלייניקייטן

***י"ד ניסן, 9:00 אינדערפרי, רעמסס גושן.***

**אין שטוב פון משפחת חנוכי זיצט מיכאל און זיינע אינגערע צווילינג געשוויסטער, גבי און סרח, און עסן פרישטאג.**

**מיכאל:** "האסט געהערט די נייעס? די זקינים האבן אויפגעהאנגן פלאקאטן אין אלע בתי מדרשים מיט א מעסעדזש פון משה רבינו זאגנדיג אז היינט קומט א גרויסע נאכט - איך מיין א גאר גרויסע נאכט! מיר וועלן האבן די ערשטע סדר נאכט אין די היסטאריע פון כלל ישראל. און דאן ביי חצות גייט קומען א גרויסע סופרייז. עס זעהט אויס אז די מצרים גרייטן זיך צו באקומען נאך א מכה - די צענטע מכה היי יאר!

"און דאן מארגן אינדערפרי זענען מיר ארויס פון דא! איך מיין אז מיר וועלן מעגליך אנקומען קיין ארץ כנען אין וויינציגער ווי דריי טאג אויב אלעס ארבעט זיך אויס ווי געפלאנט. איז עס נישט עקסייטונג?"

***ט"ו ניסן, 6:00 פארטאגס***

**ארום צוויי מיליאן אידן זענען פארזאמעלט אין די פעלדער אינדרויסן פון רעמסס צו הערן די געניע אנווייזונגען פון משה רבינו**

סרח: "גבי, ששש! זיי שטיל, קוק דארט - משה רבינו שטעלט זיך אויף צו אנהייבן רעדן צו דאס גאנצע אידישע פאלק און איך וויל הערן יעדעס ווארט. מיכאל האט געזאגט אז משה רבינו גייט אונז געבן עטליכע דעטאלן איבער די סדר הנסיעה."

**גבי:** "מיין חבר האט מיר שוין געזאגט אז עס זעהט אויס אז מיר וועלן פארלאזן רעמסס בקרוב און מארשירן קיין סוכות וואס איז ממש ביים גרעניץ. און פון דארט וועלן אריבערשפאצירן דעם גרעניץ, פארנט פון די גרעניץ וועכטער, און אנהייבן אונזער מארש קיין ארץ כנען."

**סרח:** "געוואלדיג! אבער משה רבינו, ער איז דער איינציגסטע וואס ווייסט באמת וואס עס גייט פאסירן. דער אייבישטער רעדט צום איהם - איז לאמיר איהם אויסהערן. ער שטייט שוין ביי די שטענדער."

**משה רבינו:** "בני ישראל! ס'איז א פארגעניגן אייך צו זעהן אלע אינאיינעם דא יעצט אינדערפרי. איך האב פאר אייך פריילליכע נייעס פון הקב"ה. דער גרויסע טאג אויף וועלכע מיר אלע האבן שוין אזוי געווארט, איז דא! פרעה בעט אונז בתחנונים אז מיר זאלן ארויס גיין ווי שנעלער. היום אתם יוצאים בחודש האביב! היינט וועלן מיר ענדליך פארלאזן מצרים. נאך די אלע שווערע יארן פון קנעכטשאפט און ליידן גייען מיר ארויס פריי! און עס קען נישט זיין קיין בעסערע טאג ווי היינט ווייל די וועטער איז געניי צוגעפאסט! עס איז א הערליכע פריילינג טאג! קומט'ס גיי מיר!"

**מיכאל:** "א פריילינג טאג?! וועם גייט עס אהן?! מיר זענען געווען קנעכט אין דעם שרעקליכן עבודה זרה לאנד פאר אזוי לאנג. מיר וואלט נישט אנגעגאנגען צו דער באשעפער נעמט אונז ארויס אין די צייט פון א שטורעם ווינט אדער א גאס רעגן. בלויז דאס ארויסגיין פון דאנעט איז מיר פונקט גענוג!"

**גבי און סרח:** "מיכאל, דו ווייסט דאך וואס דו זאגסט אונז אלס - אויב משה רבינו זאגט עפעס, באדייט דאס אז השי"ת האט דאס געזאגט. און אויב השי"ת האט עס געזאגט, דאס מיינט יעדע ווארט עפעס און מיר דארפן דאס אפלערנען. אויב האט השי"ת געזאגט 'איך נעם אייך ארויס פון מצרים אויף א פריילינג טאג' דאן דארפן מיר דערגיין פארוואס דאס איז אזוי וויכטיג. מיכאל, פארוואס זאלסטו נישט רעדן צו דיין



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור - פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860

רבי, רבי אביגדור, דערוועגן? דו זאגסט דאך אלץ אז ער איז א גרויסע תלמיד חכם און ער האט א ענטפער אויף אלע שאלות".

**נאך א האלבע שעה קומט מיכאל צו לויפן צו גבי און סרח:** "ברוך השם, איך האב איהם געטראפן און עטץ זענטס הונדערט פראצענט גערעכט. ר' אביגדור עקלערט עס ווי פאלגענד:

אין די פרשיות פון וארא און בא ווערן אויסגערעכענט די מכות וואס דער אויבערשטער האט געשיקט צו פרעה און די מצריים. דאס איז געווען א שטראף פאר זיי פאר וואס זיי האבן געטועון צו די אידן, זיי געפייניגט און געשלאגן מיט עבודת פרך. מצרים איז געווען א טמא'נע לאנד פון עבודה זרה און די אידן האבן דארט זייער געליטן.

ט"ו ניסן, אינמיטן פון די נאכט, האבן די מצרים באקומען די לעצטע מכה, מכת בכורות. פרעה איז געלאפן זיכן משה און אהרון זיי ארויסצושיקן פון מצרים. פארטאגס זענען אלע אידן צאמגעקומען צו הערן וואס משה וועט זיי זאגן. און משה האט זיי געזאגט די רייד פון ה'. משה רבינו האט זיי דערציילט אז היינט גייען זיי ארויס פון מצרים! די גרויסע, לאנג-ערווארטערטע טאג איז ענדליך אנגעקומען! זיי זאלן געדענקען דעם טאג וואס זיי גייען ארויס. "היום אתם יוצאים בחדש האביב" היינט גייען ענק ארויס אין חודש האביב, אין די פרילינג.

וואס מיינט דאס? די אידן האבן געליטן אומדערטרעגליכע צרות אין מצרים. זיי האבן נאר געוואלט ארויסגיין פון דארט. נישט קיין חילוק ווען און וואו! זאל זיין רעגן אדער ווינטן, אבער לאמיר שוין ארויסגיין! וואס איז וויכטיג דא חודש האביב?

אבער מיר ווייסן אז קיין איין ווארט אין די תורה איז אומזיסט אדער איבריג. פארוואס האט דער באשעפער געזאגט די ווערטער "חדש האביב?" וואס איז אזוי וויכטיג וועגן דעם?

דער באשעפער וויל אז זיין באליבטע קינדער זאלן זיין פריילעך און צופרידן. און ער לערענט אונז אויס ווי אזוי מלא עולם אנצוקומען דערצו: אייביג אין אכט נעמען אפילו די קלייניקייטן וואס מאכט אונז צופרידן. עס איז אזא גרויסע טאג, די אידן פרייען זיך אזוי אז זיי זענען שוין ענדליך באפרייט נאך 210 יאר פון שיעבוד מצרים, די שמחה איז גאר גרויס, ווער וועט אין אכט נעמען די שיינע ווארימע וועטער? אבער דער באשעפער וויל אז אויך דאס, אפילו אזא קלייניקייט, זאלן מיר וויסן און הנאה האבן און געדענקען. און וועגן דעם האט משה רבינו דערמאנט די ווערטער.

און מיר דארפן אייביג אין אכט נעמען די קליינע געשמאקע זאכן אין לעבן. עס וועט אונז צוברענגען צו מער שמחת החיים. דו האסט באקומען א געשמאקע אייז קריעם לכבוד ראש חודש? האב הנאה אויך פון די ספרינקעלס. און די קאו"ן און אויב איז דאס א געצוקערטע קאו"ן איז נאך בעסער - נאך שמחה!

"עבדו את ה' בשמחה" א איד דארף דינען דער אויבערשטער מיט שמחה. לאממיר אין אכט נעמען די פולע חסדים פון דער באשעפער וועלן מיר אמת'דיג זיין פריילעך!

**גוט שבת!**